יוצא לאור לפרשת אחרי הי׳ תהא שנת פלאות בכל
(מספר 11)

ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# בשורת הגאולה

•

מאת
כבוד קדושת
אדמו״ר מנחם מענדל שליט״א
שניאורסאהן
מליובאוויטש

מלוקט מספרי השיחות תש״נ־תשנ״ב

יוצא לאור על ידי מערכת
״אוצר החסידים״
770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים ושלש לבריאה
הי׳ תהא שנת נפלאות גדולות

השער להוצאה הראשונה

# מפתח ותוכן

## תנש"א

כג. ........................................................................ 3
עומדים ממש בסוף הגלות, אָט אָט באַ די גאולה; העולם ואוה"ע מכינים ומסייעים הדרך להגאולה, ביאור הדברים בפרטיות; להוסיף ב"מעשינו ועבודתינו" ובמיוחד לימוד התורה בעניני גאולה
(ש"פ אחרי־קדושים, י"ג אייר)

Reprinted with permission by:
**Moshiach Awareness Center,**
a Project of:
**Enlightenment For The Blind, Inc.**
602 North Orange Drive.
Los Angeles, CA 90036
Tel.: (323) 934-7095
Fax: (323) 934-7092

http://www.torah4blind.org
e-mail: yys@torah4blind.org

**Rabbi Yosef Y. Shagalov,**
**Executive Director**

Printed in the U.S.A.

# בשורת הגאולה

# כג.

ע״פ האמור לעיל האָט מען אַרויס כמה לימודים בנוגע צו דער עבודה פון אידן צו ברענגען די גאולה, און ווי מ׳דאַרף זיך גרייטן צו דער גאולה – שטייענדיק איצטער ממש בסוף זמן הגלות, „גולה״, און האַלטנדיק אָט אָט באַ דער גאולה.

. . . די עניני העולם עצמו און די אוה״ע עצמם (אויך בזמן הגלות) זיינען (באמת) מסייע צו דער עבודה פון ברענגען די גאולה.

ויש לומר, אַז שטייענדיק בסוף זמן הגלות, סמוך צו דער גאולה – קומט אַרויס דער סיוע בגלוי יותר.

ווי מ׳זעט עס אין די דורות האחרונים במיוחד, און נאָכמער – אין דעם זמן האחרון, ובפרט אין די לעצטע טעג ממש:

אין די דורות שלפני זה האָבן (רוב) אידן געלעבט אין מדינות וואו עס זיינען געווען מניעות ועיכובים וכו׳ (לא תקום פעמיים[1]) צו עבודת ה׳ בכלל.

משא״כ בדורות האחרונים – לעבן (רוב) אידן אין מדינות וואו עס הערשט אַ מלכות של חסד, אָנהויבנדיק פון מדינה זו (וואו עס געפינען זיך רוב מנין ובנין פון אידן), וואָס איז מסייע אידן צו דערגרייכן אַ גאולה פנימית בעבודתם, ביז – אַז זיי זאָלן טאָן די עבודה וואָס וועט ברענגען די גאולה כפשוטה, און דעמולט וועט דער מלכות (של חסד) אויך מסייע זיין אידן צו זיך אומקערן אין ארץ ישראל (בלשון הכתוב[2]: והביאו את כל אחיכם גו׳).

און בשנה האחרונה זעט מען ווי דער יחס צו אידן איז נתפשט

---

1) ל׳ הכתוב – נחום א, ט. וראה לקו״ש חכ״ג ע׳ 306 הערה 55.

2) ישעי׳ סו, כ.

געוואָרן אין נאָך מדינות, ביז אויך במדינה ההיא, וואו עס זיינען (ביז לאחרונה) געווען הגבלות בנוגע צו דער חירות פון אידן בעבודתם בתומ״צ און אויך בנוגע צו זייער אַרויסגיין ממדינה ההיא – איז זייער יחס איצטער איבערגעקערט געוואָרן, אַז זיי לאָזן אידן מקיים זיין תומ״צ, און לאָזן אידן אַרויס פון דאָרט (אָן די הגבלות פון אַמאָל), ואדרבה – זיי זיינען נאָך מסייע די אידן צו פאָרן אין ארץ הקודש. מעין הכנה צו דער סיוע פון אוה״ע אַז אידן זאָלן אַרויסגיין פון גלות און גיין אין ארץ הקודש בגאולה האמיתית והשלימה.

נוסף צו דעם סיוע ישר פון אוה״ע צו אידן – זיינען אויך דאָ ענינים אין וועלכע מ׳זעט ווי אוה״ע אַליין טוען פעולות של טוב וחסד, וואָס איז נאָכמער מגלה ווי יש בעה״ב לבירה זו[3], אַלס צוגרייטונג צו „והיתה לה׳ המלוכה״[4] בגאולה האמיתית והשלימה,

ניט ווי ס׳איז געווען אַמאָל, אַז דוקא עם ישראל (אע״פ וואָס „אתם המעט מכל העמים״[5]), האָט משלים געווען בפועל די כוונה פון דירה בתחתונים, און אחדות פון מלכיות אוה״ע האָבן זיך געפירט באופן אכזרי איינער צום צווייטן, און האָבן זיך בעיקר מתעסק געווען אין תועלת עצמן, אָדער אין כובש זיין אַנדערע מדינות וכיו״ב.

צווישן די ענינים גלויים וואָס זיינען צוגעקומען בימים אלו ממש וואו מ׳זעט ווי עולם און אוה״ע גרייטן צו און זיינען מסייע די וועג צו דער גאולה – דורך דעם ענין פון צדקה און חינוך, צוויי יסודות עיקריים אין ישובו של עולם, „לשבת יצרה״[6]:

ס׳איז ידוע ומפורסם (אין אַלע צייטונגען) וועגן די מאורעות בימים האחרונים – אַז די מדינה (וואָס איז מיוסד אויף צדקה וחסד, כידוע) האָט אויסגענוצט איר שטאַרקן כח צו אַרויסהעלפן און ראַטעווען מענטשן במקום רחוק בעולם (ווייט אַוועק פון דער מדינה), אע״פ וואָס

3) ראה ב״ר רפל״ט.

4) עובדי׳ בסופו.

5) ואתחנן ז, ז.

6) ישעי׳ מה, יח.

דורך דעם קומט ניט אַ תועלת ישרה צו תושבי מדינה זו:

די מדינה האָט געשיקט אַ ריבוי מענטשן און אנשי חיל פון איר אַרמיי צו אַרויסהעלפן די פליטים אין יענע ערטער, צוזאַמען מיט עסן און קליידער און רפואות. אַנשטאָט נוצן די אוירונים אויף עניני כיבוש, און אַנשטאָט נוצן די עסן און קליידער פאַר די בירגער פון דער מדינה – נוצט מען זיי אויף ראַטעווען אומגליקלעכע מענטשן, ובפרט קליינע קינדער, פון קעלט, ביז פון היפך החיים.

וואָס דערביי זעט מען די רחמנות פון תושבי מדינה זו: בשעת זיי האָבן געהערט און געזען ווי מענטשן ליידען – איז הגם אַז זיי זיינען ניט זייערע קרובים, און האָבן מיט זיי קיינמאָל קיין שייכות ניט געהאַט – איז די מדינה נתעורר געוואָרן צו זיי העלפן. בהתאם צו דער שיטה פון מדינה זו בעניני צדקה, אַז מ'העלפט אַרויס מענטשן בכל העולם כולו, און מען וואַרט אפילו ניט אַז מ'זאָל בעטן הילף.

עד"ז איז אויך ידוע אַז בימים האחרונים איז מנהיג מדינה זו אַרויס מיט אַ הכרזה והוראה מפורטת בנוגע צו חינוך הנוער. בהתאם לזה וואָס בתחלת נשיאותו האָט ער מכריז געווען אַז זיין שאיפה איז צו געדענקט ווערן אַלס דער „עדזשוקיישען (חינוך) פּרעזידענט", צוליב די פעולות ושינויים גדולים לטוב וואָס ער וועט איינפירן צו מחזק זיין דעם חינוך אין דער מדינה.

. . . וכל זה איז – נוסף צו נאָך כמה ענינים וואָס פּאַסירן בהשגחה פרטית מדי יום ביום, סיי בנוגע צו דעם כלל און סיי בנוגע צו יעדערען אין זיינע ענינים פרטיים – און די כוונה בזה איז, אַז דאָס זאָל נאָכמער מגלה זיין ווי וועלט איז מסייע צו מאַכן אַ דירה בתחתונים און ברענגען די גאולה,

[כולל – דאָס וואָס בשבוע האחרון האָט מען געפונען בפינה נידחת בעולם אבנים טובות ומרגליות, ע"י ברכתו של הקב"ה [בדוגמת „והנשאם הביאו את אבני השהם ואת אבני המילואים לאפוד ולחושן"[7]

7) ויקהל לה, כז.

(פאַר די בגדי כהונה), אַז די ענינים הביאום[8], און די כוונה בזה איז – אַז מ'נוצט דאָס אויס אויף קישוטי כלה, מוסיף זיין אין צדקה, כנ"ל].

די מסקנה פון האמור לעיל בנוגע לפועל:

די גאולה קומט דוקא דורך דער עבודה אין גלות, פון מגלה זיין אלופו של עולם אין "גולה", אַזוי אַז דור זה, דער דור האחרון אין גלות, וועט זיין דער דור הראשון פון גאולה.

און דער אויבערשטער העלפט אַז מ'זעט אין די מאורעות האחרונות בעולם ווי די וועלט אַליין איז מסייע און פירט צו דער גאולה.

ובפשטות מיינט דאָס – כנ"ל – אַז יעדער איד דאַרף מוסיף זיין אין "מעשינו ועבודתינו" בכלל וועלכע ברענגט די גאולה, כולל ובמיוחד – ווי גערעדט בהתוועדות שלפנ"ז – אין לימוד התורה בעניני גאולה, אין תושב"כ (וואָס "כל[9] הספרים מלאים בדבר זה"), און תושבע"פ, משנה וגמרא ומדרשים וכו'.

(משיחות ש"פ אחרי־קדושים, י"ג אייר תנש"א)

8) ת"י עה"פ.
9) רמב"ם הל' מלכים פי"א ה"ב.

ע"פ האמור לעיל ישנם כמה לימודים בנוגע לעבודת בנ"י בהבאת הגאולה, והאופן בו צריכים להתכונן לגאולה – בעמדנו עכשיו ממש בסוף זמן הגלות, "גולה", והנה הנה באה הגאולה.

. . . עניני העולם עצמו ואוה"ע עצמם (גם בזמן הגלות) מסייעים (באמת) לעבודה דהבאת הגאולה.

ויש לומר, שבעמדנו בסוף זמן הגלות, סמוך להגאולה – בא הסיוע בגלוי יותר.

וכפי שרואים בדורות האחרונים במיוחד, ויתירה מזה – בזמן האחרון, ובפרט בימים האחרונים ממש:

בדורות שלפני זה גרו (רוב) בנ״י במדינות שבהן היו מניעות ועיכובים וכו׳ (לא תקום פעמיים[1]) לעבודת ה׳ בכלל.

משא״כ בדורות האחרונים – גרים (רוב) בנ״י במדינות שבהן מושלת מלכות של חסד, החל ממדינה זו (שבה נמצאים רוב מנין ובנין דבנ״י), שמסייעת לבנ״י להגיע לגאולה פנימית בעבודתם, עד – שיעשו את העבודה שתביא את הגאולה כפשוטה, ואז המלכות (של חסד) גם תסייע לבנ״י לחזור לארץ ישראל (בלשון הכתוב[2]: והביאו את כל אחיכם גו׳).

ובשנה האחרונה רואים איך שיחס זה לבנ״י התפשט במדינות נוספות, עד גם במדינה ההיא, שבה היו (עד לאחרונה) הגבלות בנוגע לחירות בנ״י בעבודתם בתומ״צ וגם בנוגע ליציאתם ממדינה ההיא – וכעת נשתנה יחסם, שמתירים לבנ״י לקיים תומ״צ, ומתירים לבנ״י לצאת משם (ללא ההגבלות שהיו בעבר), ואדרבה – הם אף מסייעים לבנ״י לנסוע לארץ הקודש. מעין הכנה להסיוע דאוה״ע שבנ״י יצאו מהגלות וילכו לארץ הקודש בגאולה האמיתית והשלימה.

נוסף על הסיוע הישר דאוה״ע לבנ״י – ישנם גם ענינים שבהם רואים איך שאוה״ע בעצמם עושים פעולות של טוב וחסד, שדבר זה מגלה עוד יותר שיש בעה״ב לבירה זו[3], כהכנה ל„והיתה לה׳ המלוכה"[4] בגאולה האמיתית והשלימה,

לא כפי שהי׳ בעבר, שדוקא עם ישראל (אע״פ ש„אתם המעט מכל העמים"[5]), השלים בפועל את הכוונה דדירה בתחתונים, ואחדות ממלכיות אוה״ע התנהגו באופן אכזרי אחת אל השני׳, והתעסקו בעיקר בתועלת עצמן, או בכיבוש מדינות אחרות וכיו״ב.

מהענינים הגלויים שנתוספו בימים אלו ממש שבהם רואים איך

שהעולם ואוה"ע מכינים ומסייעים בדרך לגאולה – ע"י ענין הצדקה והחינוך, שני יסודות עיקריים בישובו של עולם, „לשבת יצרה"[6]:

ידוע ומפורסם (בכל הכתבי־עת) אודות המאורעות בימים האחרונים – שמדינה זו (המיוסדת על צדקה וחסד, כידוע) ניצלה את חוזק כחה לסייע ולהציל אנשים במקום רחוק בעולם (הרחק ממדינה זו), אע"פ שעי"ז לא באה תועלת ישרה לתושבי מדינה זו:

מדינה זו שלחה ריבוי אנשים ואנשי חיל מצבאה לסייע לפליטים במקומות ההם, ביחד עם מזון ובגדים ורפואות. במקום להשתמש במטוסים לעניני כיבוש, ובמקום להשתמש במזון ובגדים עבור אזרחי מדינה זו – משתמשים בהם להציל אנשים אומללים, ובפרט ילדים קטנים, מקור, עד מהיפך החיים.

ובזה רואים את הרחמנות דתושבי מדינה זו: כאשר הם שמעו וראו איך אנשים סובלים – הגם שאין הם קרוביהם, ואף פעם לא היתה להם שייכות עמם – התעוררה מדינה זו לסייע להם. בהתאם לשיטה דמדינה זו בעניני צדקה, שמסייעים לאנשים בכל העולם כולו, ואין מחכים אפילו לבקשת עזרה.

עד"ז ידוע גם שבימים האחרונים יצא מנהיג מדינה זו בהכרזה והוראה מפורטת בנוגע לחינוך הנוער. בהתאם לכך שבתחילת נשיאותו הכריז ששאיפתו היא להזכר כ„עדזשוקיישען (חינוך) פרעזידענט", בגלל הפעולות והשינויים הגדולים לטוב שהוא ינהיג בכדי לחזק את החינוך במדינה זו.

. . . וכל זה הוא – נוסף על עוד כמה ענינים שקורים בהשגחה פרטית מדי יום ביום, הן בנוגע להכלל והן בנוגע לכל אחד ואחד בעניניו הפרטיים – והכוונה בזה היא, שזה יגלה עוד יותר איך שהעולם מסייע לעשות דירה בתחתונים ולהביא את הגאולה,

[כולל – זה שבשבוע האחרון מצאו בפינה נידחת בעולם אבנים

טובות ומרגליות, ע"י ברכתו של הקב"ה [בדוגמת „והנשאם הביאו את אבני השהם ואת אבני המילואים לאפוד ולחושן"[7] (עבור בגדי הכהונה), שהעננים הביאום[8], והכוונה בזה היא – שמנצלים זאת לקישוטי כלה, להוסיף בצדקה, כנ"ל].

המסקנא מהאמור לעיל בנוגע לפועל:

הגאולה באה דוקא ע"י העבודה בגלות, לגלות את אלופו של עולם ב„גולה", כך שדור זה, הדור האחרון של הגלות, יהי' הדור הראשון של הגאולה.

והקב"ה עוזר שרואים במאורעות האחרונים בעולם איך העולם בעצמו מסייע ומוביל לגאולה.

ופירוש הדבר בפשטות הוא – כנ"ל – שכאו"א מישראל צריך להוסיף ב„מעשינו ועבודתינו" בכלל שמביאים את הגאולה, כולל ובמיוחד – כמדובר בהתוועדות שלפנ"ז – בלימוד התורה בעניני גאולה, בתושב"כ (ש„כל[9] הספרים מלאים בדבר זה"), ותושבע"פ, משנה וגמרא ומדרשים וכו'.

**לעילוי נשמת**

הרה"ח הרה"ת אי"א

ר' **מנחם מענדל** ע"ה

בן הרה"ח הרה"ת ר' **אלחנן דובער** הי"ד

**מאראזאוו**

מקושר לכ"ק אדמו"ר מהוריי"צ

וכ"ק אדמו"ר נשיא דורנו מה"מ

נולד בעיר ליובאוויטש

זכה לגור ולקבל קירובים

בבית כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ בעיר רוסטוב

למד מתוך מסירת נפש בישיבת תו"ת במחתרת

שימש כשו"ב

הי' ממייסדי ושימש בתור מנהל ומשפיע

במתיבתא ובית מדרש במוסד חינוך אהלי תורה

וזכה להשפיע לאלפי תלמידים

בהתוועדויותיו הרבות

הכניס רוח חסידית ושמחה לרבים משומעיו

גידל משפחתו לחסידות ולהתקשרות

והרבה מהם שלוחים בכל קצוי תבל

נפטר בשיבה טובה ר"ח שבט ה'תשע"ח

**ת. נ. צ. ב. ה.**

(מנוסח המצבה)

*

**נדפס ע"י משפחתו שיחיו**

**לעילוי נשמת**
הרה"ח הרה"ת אי"א
ר' **יקותיאל מנחם** ע"ה
ב"ר **שרגא** שליט"א
**ראפ**
חסיד ומקושר בכל נימי נפשו
לכ"ק אדמו"ר מה"מ
משגיח ומשפיע
בישיבת תומכי תמימים
ליובאוויטש המרכזית 770
ניהל הבית חב"ד
בנמלי התעופה
ובחברת "אל על" במיוחד
וזכה שהרבי שלח המצות ע"י
ואמר עליו "אונזער יקותיאל"
נואם קבוע בסיומי הרמב"ם ב-770
והדפיסם ב"תקות מנחם"
ניהל "ועד המחנכים"
פעל במרץ בעניני שלימות הארץ
ראש מטה שירה וזמרה
לקבלת פני משיח צדקנו
קירב רבים אל רבנו ובדרכי נועם
השאיר דור ישרים יבורך
הולכים בדרכי רבותינו נשיאנו

נקטף בתאונת דרכים
ביום השני לפ' "וקם שבט מישראל"
י"ב תמוז ה'תשע"ה
**ת. נ. צ. ב. ה.**
(מנוסח המצבה)
*

**נדפס ע"י ידידיו**
הרה"ת ר' **יוסף יצחק הלוי** וזוגתו מרת **גיטל רחל** שיחיו **שגלוב**

**לעילוי נשמת**

החייל ב"צבאות השם" **שכנא** ע"ה

בן ר' **שלמה אלי'** שיחי'

נפטר בדמי ימיו, כ"א מנ"א ה'תשנ"ט

**ת. נ. צ. ב. ה.**

**ולזכות אחיו ואחיותיו שיחיו**

**ולזכות הוריו**

הרה"ת ר' **שלמה אלי'** וזוגתו מרת **שרה** שיחיו

**מארקאוויטש**

לאריכות ימים ושנים טובות עד ביאת גואל צדק

ומתוך בריאות הנכונה, ולשנת ברכה והצלחה בגו"ר

*

**נדפס ע"י ידידיהם**

הרה"ת ר' **יוסף יצחק הלוי** וזוגתו מרת **גיטל רחל** שיחיו

**שגלוב**


הי' שותף בהפצת עניני "משיח וגאולה"!!!

להקדשות ולפרטים נוספים:

טל.: 753-6844 (718) או 934-7095 (323)

אימייל: info@torah4blind.org

Be A Partner

In Spreading *Inyonei Moshiach U'geula*!!!

To Dedicate This Publication

In Honor Of Your Family Or A Loved One

For More Info. Call:

(718) 753-6844 or (323) 934-7095

or email: info@torah4blind.org

For this and other books on Moshiach & Geulah, go to:

http://www.torah4blind.org

**TO DEDICATE AN ISSUE IN HONOR OF A LOVED ONE, CALL (323) 934-7095**